בעזהשי"ת

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

# מֵיין
# פַּרְשָׁה בִּיכְל

## פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ

**כיתה ב׳ (א-ב)**

**הר"ר מאיר חיים שישא הי"ו**

**הר"ר משה ברוך כץ הי"ו**

מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט

**דִי עֶרְשְׁטֶע דְרֵיי**

**פְּסוּקִים**

# אינהאלט פון די וואך

**<u>ויגש אליו יהודה</u>**

יהודה איז צוגעגאנגען צו יוסף און ער האט גערעדט צו אים שטרענג, ער האט געשריגן אזוי הויעך ביז אלע מצריים זענען אראפ געפאלן פון די בענקלעך וואס זיי זענען געזעצן, און אויך פרעה איז אראפ געפאלן פון בענקל.

און דווקא יהודה איז צוגעגאנגען צו יוסף ווייל יהודה האט צוגעזאגט פאר יעקב אז ער וועט צוריק ברענגען בנימין בשלום.

**<u>כי כמוך כפרעה</u>**

יהודה זאגט צו יוסף, פון אנהייב ביסטו געקומען אויף אונז מיט א בלבול אז מיר זענען מרגלים און דו האסט געבעטן אז דו ווילסט מיר זאלן ברענגען אויף מצרים אונזער ברודער בנימין, און יעצט ווען מיר האבן אים געברענגט אהער, ווילסטו אז ער זאל בלייבן דא אין מצרים, דו ביזסט אזוי ווי פרעה וואס האלט נישט איין וואס ער זאגט, דו האסט געזאגט אז דו ווילסט נאר זעהן בנימין, און יעצט זאגסטו אז ער זאל בלייבן דא אין מצרים.

יהודה האט געשריגן אויף אים: "איך ווארן דיך, לאז בנימין צוריק אהיים גיין צו זיין טאטן און אויב נישט וועלן מיר חרוב מאכן גאנץ מצרים, קודם וועלן מיר דיך הרגענען און נאכדעם וועלן מיר הרגענען דיין הער פרעה".

## יוסף טוט זיך באקענען מיט זיינע ברודער'ס

יוסף זאגט פאר די ברודערס, ענק זאגן אז יוסף איז נעלם געווארן, איך וועל אים ברענגען, און ער שרייט אויס הויעך: "יוסף, יוסף, קום דיך באווייזן פאר דיינע ברודער'ס", די ברודער'ס קוקן זיך ארום און ארום, און יוסף קוקט צו די ברודער'ס און ער זאגט זיי "איך בין יוסף ענקער ברודער וואס עטץ האבן מיך פארקויפט קיין מצרים", די ברודער'ס האבן זיך זייער פארשעמט, און יוסף האט זיי בארוהיגט, און האט זיי געזאגט אז אלעס איז אזוי געווען באשערט פון הימל פון דער אייבישטער כדי זיי צו קענען געבן צו עסן אין די הונגער יארן. יוסף האט גערעדט צו זיי אויף לשון הקודש כדי זיי זאלן באמת זעהן אז ער איז זייער ברודער יוסף הצדיק.

יוסף האט זיי געבעטן אז זיי זאלן דערציילן פאר זייער גרויסן טאטן יעקב אז יוסף לעבט און ער איז א קעניג אין מצרים. אויך פרעה האט געשיקט פאר יעקב פון די בעסטע זאכן פון מצרים.

## יוסף טרעפט זיך מיט זיין טאטן

די הייליגע ברודער'ס די שבטי י-ה האבן נישט געוואלט פארציילן די בשורה פלוצלינג פאר יעקב אבינו ווייל ער קען ווערן זייער דערשראקן, האבן זיי געשיקט סרח בת אשר מיט א פידל און זי האט געזונגען "עוד יוסף חי, יוסף לעבט, ער איז א קעניג אין מצרים, ער האט צוויי קינדער מנשה מיט אפרים".

ווען יעקב האט דאס געהערט האט ער זיך זייער געפריידט און איהר געגעבן א ברכה אז זי וועט לעבן אויף אלעמאל.

פאר ווען יעקב איז געגאנגען קיין מצרים, האט ער געשיקט יהודה צוגרייטן א בית המדרש צו לערנען און א שוהל צו דאווענען, ווען יוסף האט געהערט אז יעקב איז שוין לעבן מצרים איז ער אים אקעגן געגאנגען מקבל פנים זיין מיט גרויס כבוד, ווען די מצריים האבן געזעהן די גרויסע כבדו וואס יוסף געבט פאר זיין טאטע יעקב זענען אלע מצריים ארויס מקבל פנים זיין יעקב אבינו.

יוסף האט געשיקט זיין זוהן מנשה און נאכדעם זיין זוהן אפרים אז יעקב זאל נישט ווערן אינגאנצן דערשראקן, יוסף האט געזעהן זיין טאטן פון דערווייטנס איז ער אראפ געגאנגען פון די וואגן און איז צוגעגאנגען מיט די פוס ביז צו זיין טאטע יעקב און איז ארויף געפאלן אויף יעקב׳ס האלז און ער האט געוויינט, יעקב האט דעמאלטס געליינט קריאת שמע צו ווייזן אז ער האט ליב דעם באשעפער מער פון זיין אייגן קינד.

יוסף האט גענומען א חלק פון די ברודער׳ס און ער האט זיי פארגעשטעלט פאר פרעה, אויך האט יוסף געבעטן פאר פרעה א שטוב פאר זיין טאטן און זיינע ברודער׳ס, פרעה האט זיי געזאגט אז זיי זאלן אויסוועלן וואו זיי ווילן וואוינען, און זיי האבן געזאגט אז זיי ווילן זיין אין ארץ גושן און דארט זיך באזעצן, פרעה האט זיי טאקע געגעבן ארץ גושן און די שבטים האבן זיך דארט באזעצט און זיי זענען געווארן מער און מער בליעה"ר.

יעקב האט געגעבן א ברכה פאר פרעה, און פון ווען יעקב איז אנגעקומען קיין מצרים האט זיך אויפגעהערט די הונגער אין זכות פון יעקב אבינו.

# שאלות מיט תשובות

**א. וועלכע סדרה גייט די וואך ?**

ויגש.

**ב. ווער האט זיך דערנענטערט צו ווען?**

יהודה האט זיך דערנענטערט צו יוסף.

**ג. וואס האט ער אים געבעטן?**

ער זאל צוריק געבן בנימין.

**ד. וואס איז געשעהן ווען יהודה האט געשריגן?**

אלע זענען אראפ געפאלן פון די בענקלעך.

**ה. פארוואס האט יהודה געזאגט צו יוסף אז ער איז אזוי ווי פרעה?**

ווייל ער זאגט צו און ער איז נישט מקיים אזוי ווי פרעה, דו האסט געזאגט אז דו וועסט צוריק געבן בנימין און יעצט ווילסטו נישט.

**ו. וואס האט ער זיי געזאגט ווען ער האט געזעהן אז זיי האבן זיך געשעמט פון אים?**

אז דער אייבישטער האט אים געשיקט כדי ער זאל זיי קענען געבן צו עסן.

**ז. ווי אזוי האט ער זיי געוויזן אז ער איז באמת יוסף?**

ער האט גערעדט צו זיי אויף לשון הקודש.

**ח. ווער האט אויסגעזאגט פאר יעקב אז יוסף לעבט?**

סרח בת אשר האט געזונגען מיט א פידל "יוסף לעבט, ער איז א קעניג אין מצרים, ער האט צוויי קינדער מנשה מיט אפרים".

**ט. וועלכע ברכה האט יעקב אבינו געבענטשט סרח בת אשר?**

אז זי וועט לעבן אויף אייביג.

**י. וועמען האט יעקב געשיקט צוגרייטן א בית מדרש?**

יהודה.

**יא. ווען יוסף האט געטראפן יעקב וואס האט ער געטוהן?**

ער האט אים געקושט.

**יא. פארוואס האט יעקב נישט געקושט יוסף?**

ווייל ער האט געהאלטן אינמיטן קריאת שמע.

## ניגונים:

**יוֹסֵף לֶעבְּט עֶר אִיז אַ קֶענִיג אִין מִצְרַיִם**
**עֶר הָאט צְוֵויי קִינְדֶער מְנַשֶּׁה מִיט אֶפְרַיִם**

**אוֹי אוֹי שַׁבָּת, אוֹי אוֹי שַׁבָּת, אוֹי אוֹי אוֹי**
**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ**

**כולל עניינים**
**האבן מיר נישט געלערנט די וואך**
**צוליב יו"ט חנוכה**

נא לגזור דף זה ולשלוח בחזרה לת"ת ביום ראשון

# הורים יקרים !

נא לאשר את הפרטים דלהלן אודות בנכם שיחיו ולציין על כל דבר הציון המתאים

**בני ____________________ ני"ו**

**השיב על שאלות פרשת השבוע:** ____________________________

**חומש:** ____________________________________________

**ברכת המזון:** ________________________________________

**התנהגות כללית:** _____________________________________

**קר"ש שעל המיטה:** ___________________________________

**התפלל:** ____________________________________________

**הערות:** ____________________________________________

**חתימת ההורים** ______________________